פולע טאבעלעז פוז דער מלוכה-לאטעריע — זעה 9 זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 10 זייטעז

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשעז

# נייער פאלקסבלאט

№ 236 | Łódź, Wtorek 13 października 1931 r. | נייני‍טער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג ב׳ מרחשון תרצ״ב | № 236

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# מארשאל פילסודסקי ביים רומענישן קעניג

בוקארעשט, 12. (ספ. טעל.) מארשאלעק פילסודסקי איז אין בוקארעשט אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פאראד.

דינסטאג וועט מארשאלעק פילסודסקי אויפגענומען ווערען דורכ׳ן רומענישען קעניג אויף א ספעציעלען פריהשטיק.

נאך די אפיציעלע אויפנאהמען וועט מארשאל פילסודסקי פאהרען אין א רומענישען קורארט.

## מאראטאריום פאר אויסלענדישע חובות

מאנטעווידעא, 12. (ספ. טעל.) אין אורוגוואישען פארלאמענט האט מען בעשטעטיגט דעם מאראטאריום פאר פינאנציעלע פארפליכטונגען אין אויסלענדישער וואלוטע.

דער מאראטאריום זאל זיין גילטיג ביז׳ן 31. מאי 1932.

## אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ צו בעקעמפען דעם קריזיס

ניו-יארק, 12. (ספ. טעל.) בקרוב וועט צוזאמענגערופען ווערען א גרויסע אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ צו בעקעמפען דעם קריזיס און צו לעזען דאס פראבלעם פון די מלחמה-חובות.

## ארעסטירט 6 שפיאנעז אין ווילנע

ווילנע, 12. (טעלעפאניש) דא זענען היינט ארעסטירט געווארען 4 מענער און 2 פרויען, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין שפיאנאזש לטובת ליטע.

די ארעסטירטע ווערען געשטעלט פאר׳ן שטאנד געריכט.

## יאפאנישע זעלנער אין שאנכיי

לאנדאן, 12 (טו) כדי צו פערשטארקען דעם שוץ פאר די יאפאנישע בירגער, האט א יאפאנישע שיף געבראכט קיין שאנכיי 300 יאפאנישע זעלנער.

זונטאג אוועגד האבען 2.000 יאפאנער אן כינעזישען שטאט-טייל פערניכטעט יאפאניש-פיינדליכע פלאקאטען. עס זענען געקומען צו צוזאמענשטויסען מיט כינעזער.

## 27 געזעץ-פראיעקטען וועט היינט בעטראכטען דער סיים

ווארשא, 12. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אויף דער היינטיגער סיים-זיצונג וועלען בעטראכט ווערען 27 געזעץ-פראיעקטען פון דער רעגירונג. דערונטער וועט פארקומען די דריטע לעזונג פון די נייע שטייער-פראיעקטען.

## יאפאן איז קאטעגאריש געגען דער איינמישונג פון אמעריקא

מאסקווע, 12. (טו) לויט ידיעות פון טאקיא, האט מען אין יאפאנישע אפיציעלע קרייזען ערקלערט, אז יאפאן וועט קאטעגאריש זיך ענטגעגען שטעלען אן א איינמישונג פון אמעריקא אין יאפאניש-כינעזישען קאנפליקט.

די יאפאנישע רעגירונג איז איבערצייגט, אז דער קאנפליקט קאן אויך בעזייטיגט ווערען אהן אנטייל פון אמעריקא און דער פעלקער-ליגע. יעדע פרעמדע איינמישונג וועט נישט האבען קיין ערפאלג.

## דער בעזוך פון ענגלישען אויסערן-מיניסטער אין פאריז



דער צווייטער פון לינקס — לארד רידינג, נעבן איהם זיין יונגע פרוי.

## פעטיציע פון יודישע קהלות געגען דעם קאלענדאר-רעפארם

### אויבער-ראבינער ד״ר הערץ איינגעלאדען צום פעלקער-ליגע-ראט

גענף, 12 (יט״א טעלעגראפיש) ס׳איז גע עפענט געווארען די פירטע קאנפערענץ פאר קאמוניקאציע און טראנזיט ביים פעלקער-בונד. וועגען דעם פראיעקט פון קאלענדאר-רעפארם ווי אויך וועגען דעם בלאנקא-טאג איז איינגעלאדען געווארען דער אויבער-ראביגער פון ענגלאנד ד״ר הערץ און א גאנצע רייה אנדערע יודישע פערזענליכקייטען, וועלכע ארבייטען אויס א פעטיציע צום פעלקער-בונד פון די יודישע קהלות און בעזונדערע קערפערשאפטען, נישט איינצופיהרען דעם בלאנקא-טאג.

---

אונזער ליבען קוזין גרשון קאזשמינסקי צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער און געטרייער פרוי

# מלכה נ. ע.

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

זייט פון גאט געטרייסט!

מאקס ראזענבערג און פרוי

---


Dr. A. S. TENENBAUM
Piotrkowka 109
Tel. 220-25
צוריקגעקומען


---

דעם טיפסטען בייבייד דריקען מיר אויס אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד ה׳ **משה געדולד** צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי

# שרה רבקה נ. ע.

גלייכצייטיג פאדערן מיר אויף אלע מיטגלידער צו קומען צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, דינסטאג, דעם 13-טען אקטאבער, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז קילינסקיעגא 48, כדי אפצוגעבען דער פערשטארבענער דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון רעסטאראטארען און ביר-האלע-בעזיצער-פעראיין זאוואדזקא 4

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז דעם 12. אקטאבער 1931 געשטארבען

# שרה רבקה געדולד נ. ע.

אין עלטער פון 42 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, דינסטאג, דעם 13-טען אקטאבער ד. י. 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, קילינסקיעגא 48, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער די טיפטרויערנדע

מאַן, זוהן, טעכטערל, מוטער, ברידער, שוועסטערן און פאמיליע.

6919

---

# אויפפאדערונג!

דערמיט פאדער איך אויף די לאקאטארקע

פרוי **רייזעל גארפינקעל**, קילינסקיעגא 46,

אז אזוי ווי די דערמאהנטע פרוי איז מיר שולדיג 3.800 זל. איבער 3 יאהר דירה-געלד און דעם 15-טען אקטאבער 1931 קומט פאר די עקסמיסיע, גיב איך איהר 250 דאלאר און שענק איהר די פולע סומע דירה-געלד, אז זי זאל זיך גוטווילליג ארויסציהען, אין געגענפאל וועל איך נישט טראגען די פעראנטווארטליכקייט פאר די אדורכגעפיהרטע עקסמיסיע.

מיט אכטונג **שאול בענדער**

הויזבעזיצער פון קילינסקיעגא 46.

6929

---

# שבועה דאורייתא.

מיטוואך, דעם 14-טען אקטאבער 1931, 10 א זייגער פריה וועט שווערען אין דער אלטשטעטישער שוהל

# דוד לאסאצקי

הויז-בעזיצער פון קאמיענא 5

וועגען א סכסוך איבער א סומע פון 600 זל. לויט׳ן פסק-דין פון פרידענס-געריכט.

**ב. פאזשוצקא,** קאמיענא 5.

6927

---


# 8-טונג ביר-האלע-בעזיצער!

היינט, דינסטאג, דעם 13-טען אקטאבער 1931, פינקטליך 6 א זייגער אוועגד קומט פאר אין קליינהענדלער-פעראיין, אלטשטאדט 10

## א דרינגענדע פערזאמלונג

### וועגען די לעצטע סאניטארע פעראָרדנונגען און אנד. וויכטיגע אנגעלעגענהייטען.

אלע ביר-האלע-בעזיצער, מיטגלידער און נישט-מיטגלידער, ווערען געבעטען אין זייערע אייגענע אינטערעסען פינקטליך און מאסענווייז צו ערשיינען.

די צייטווייליגע פערוואלטונג.

1869

